**גוט שבת אלע אידן.** די פאלגענדע מעשה איז איינע פון די מערסט מורא׳דיגע מעשיות וואס מען האט געהערט לעצטענס. די מעשה איז אן אמת׳ע מעשה, אבער מען זאל עס נאר ליינען אויב מען איז א גרויסער מאמין. די מעשה ווערט פארציילט אין די אייגענע ווערטער פון הרב דוד גאלדוואסער (זיין עכטע נאמען) פון ברוקלין נ.י.

״...עס איז געווען א גוטע פאר שעות נאך חצות אין א ווארעמע נאכט אין חודש סיון. די טעג בין איך געווען מורא׳דיג פארנומען, וועגן דעם בין איך געווען שטארק אויסגעמוטשעט און איך האב געוואלט שלאפן רוהיגערהייט, כדי זיך צו אפרוהן געהעריג. איך בין גלייך איינגעשלאפן אין א טיפן שלאף. אביסל שפעטער האב איך אנגעהויבן צו חלומ׳ען. דער חלום איז געווען אזוי עכט, אז בשעת דעם חלום האב איך נישט געטראכט אז עס איז א חלום. דער חלום איז געווען אזוי:

אלעס האט פאסירט אין א פאר סעקונדעס. איך בין געווען פארענדיג אויף א הייוועי ערגעץ אין א קאר פון איינעם וואס איך האב נישט געקענט. דער קאר איז געפארן אויף די הייוועי, און איך בין געזיצען לעבן דעם דרייווער. עס איז געווען שפעט ביי נאכט און דער דרייווער איז געפארן גאר שנעל. פלוצלונג, האב איך באמערקט אז דער דרייווער האט צוגעמאכט זיין אויגן און ער איז איינגעשלאפן. איך האב געקוקט אויפ׳ן הייוועי און איך האב געזען אז נישט ווייט איז געווען א שטארקער דרייי אויף דעם הייוועי. עס זענען געווען קארס וועלכע זענען געפארן קעגן אונז אויף די אנדערער זייט פונעם הייוועי. פארשטייט זיך אז איך האב גלייך געשריגן אויף דעם דרייווער זאגענדיק: ״וועק זיך אויף, וועק זיך אויף!״ אבער ליידער, האט עס גאר נישט געהאלפן, ווייל דער דרייווער האט נאך מער אראפגעלייגט זיין קאפ, און ער איז נאך טיפער איינגעשלאפן. איך האב נישט געוואוסט וואס צו טון, ווייל מיר זענען געפארן אזוי שנעל, און דער קאר האט אנגעהויבן צו פארן קעגן דעם דרייי אין די הייוועי. איך האב אים שנעל פרובירט אויף צו וועקן און איך האב געשריגן: ״וועק זיך אויף, ה׳ ירחם! וועק זיך אויף!״

מיט די ווערטער האב איך זיך אויפגעוועקט פון שלאף אין א קאלטן שווייס. איך האב געקוקט אויפ׳ן זייגער לעבן מיין בעט און דער זייגער האט געוויזן ״3:00״ אינדערפרי. ב״ה, עס איז נאר געווען א חלום,״ האב איך צו זיך געזאגט. דער חלום איז אבער געווען אזוי עכט אז עס האט מיך מעורר געווען תשובה צו טון. איך האב מיך מיישב געווען צו געבן צדקה.

די נעקסטע טאג אינדערפרי, האב איך געטראפן איינער פון מיינע בעסטע ידידים. ער האט מיך זייער אנגעשראקן מיט וואס ער האט מיך געזאגט: ״דו ווייסט קיינמאל נישט גלייבן וואס איז געשען נעכטן נאכט. מיין ברודער האט מיך גערופן נעכטן נאכט באלד נאך דריי אזייגער אינדערפרי. נעכטן נאכט איז ער געווען פארענדיג אויף דעם לאנג איילאנד עקספרעסוועי, אין די לעצטע שטיקל וועג אהיימקומענדיג פון נארט קאראליינע (א סטעיט בערך 6 שעה פון דא אויף די דרום זייט). עס איז געווען שפעט ביי נאכט, און עס איז געווען א לאנגע רייזע. ער האט מיך פארציילט ווי ער איז איינגעשלאפן בשעת׳ן פארן. פלוצלונג, האט מיין ברודער געהערט אז איינער שרייט אויף אים: ״וועק זיך אויף, ה׳ ירחם! וועק זיך אויף!״

״ב״ה, מיין ברודער האט זיך טאקע אויפגעוועקט פונקט בצייטענס, ווייל זיין קאר איז געווען פארענדיג קעגן א דריי אין דעם הייוועי. ער האט מצליח געווען צוריקצוהאלטן דעם רעדל און נישט אריינקראכן אין דעם זייט פונעם הייוועי. ער האט אויסגעשפילט דעם מלאך המות, ווייל ער איז געווען אויפ׳ן וועג צו מאכן אן עקסידענט, דער אויבערשטער זאל אפהיטן.״ האט דער חבר פון הרב גאלדוואסער פארציילט ווייטער פאר הרב גאלדוואסער, ״מיין ברודער, ווי דו ווייסט איז נישט געווען קיין פרומער, און איז געווארן א בעל תשובה אויפ׳ן פלאץ! און ער האט געפרעגט ווי אזוי קען ער באדאנקען השי״ת פאר די נס וואס ער האט געטון פאר אים. איך האב אים געזאגט אז ער זאל קודם כל געבן צדקה!״ האט דער חבר פון הרב גאלדוואסער געענדיגט פארציילן פאר הרב גאלדוואסער.

״איך בין געווארן אזוי איבעראשט ווען איך האב געהערט מיין חבר׳ס מעשה.״ פארציילט הרב גאלדוואסער ווייטער. ״ווייל איך האב געדענקט מיין חלום פונקטליך. איך האב פארציילט מיין חלום פאר דעם חבר, און מיר זענען ביידע געווען ערשטוינט, אז מיינע שרייען אין חלום זענען אנגעקומען צו יענעם בשעת מעשה! און דאס האט אים געמאכט פאר א בעל תשובה! (פון ״מעשים של התעוררות״, הרב דוד גאלדוואסער, עמ׳ פא)

די עיקר פון דער פרשה די וואך איז די קרבנות. דער ציל פון א קרבן איז צו מקרב זיין א איד צום אויבערשטען, אזוי ווי עס איז מרומז אין דעם ווארט ״קרבן״ וואס האט אין זיך דאס ווארט ״קרוב״ – נאנט. די מעשה ווייזט אויף א מורא׳דיגע אופן ווי איין איד איז מקורב געווארן צום רבונו של עולם. דורך ליינען די מעשה קענען מיר אויך מתקרב זיין צום אויבערשטען, ווייל די מעשה ווייזט ווי ווייט מיר דארפן גלייבן אז עס איז דא א פונקטליכע השגחה פרטית אויפ׳ן וועלט. **גוט שבת אלע אידן.**

רפואה שלימה להרה״צ רבי יעקב יוסף בן חי׳ חנה שליט״א בתוך שאר חולי ישראל
״ובעת ההיא יעמד מיכאל השר הגדול...״ מזל טוב למיכאל צוקערברוין הי״ו לרגל שמחת נישואיו בשעטומ״צ
״...ודרשי ה׳ לא יחסרו כל טוב.״ מזל טוב למוה״ר יעקב צבי שווארץ הי״ו לרגל שמחת נישואי בתו בשעטומ״צ
״ויהי בשכן ישראל...״ מזל טוב למוה״ר ישראל חיים קארן הי״ו לרגל שמחת נישואי בתו בשעטומ״צ
לעילוי נשמת האשה החשובה ברכה בת ר׳ דוד ע״ה כ׳ שבט תשס״ג • לעילוי נשמת ר׳ נח בן ר׳ יודא ז״ל
שתיקה יפה בשעת התפילה *״כל העונה אמן בכל כחו פותחים לו שערי גן עדן.״* (שבת קיט:)
לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג P.O. Box 334, Monsey, New York 10952 (845) 362-3234